**גוט שבת אלע אידן.** ווען די דייטשע רשעים ימ"ש האבן איינגענומען פראנקרייך האבן זיי צוזאמענגענומען וויפיל אידן זיי האבן געקענט, רח"ל. די דייטשע חיות האבן געשיקט די אידן צום ארבעטסלאגער וואו זיי האבן די אידן געצווינגען צו ארבעטן ביז'ן טויט, ל"ע. אדער האבן די דייטשע נעבאך גלייך געשיקט די אידן צו דעם טויט, ל"ע. אין יענע טעג, האבן די דייטשע אמאל איינגעזאמעלט א געוויסע גרופע אידישע מיידלעך אין א באן סטאנציע. די דייטשע האבן געזאגט צו די מיידלעך אז זיי זאלן זיך צוגרייטן אוועקצופארן ערגעץ.

די מיידלעך האבן נישט געוואוסט וואו די באן וועט פארן. די דייטשע האבן געלאזט יעדעס מיידל מיטנעמען א זעקל מיט אלע אירע זאכן, (למשל קליידער.) דעמאלט האבן די אידן אין יענע געגענט שוין געהערט שמועות אז דאס עכטע ציל פון די דייטשע איז געווען להרג ולאבד אלע אידן, רח"ל. וועגן דעם, האבן די מיידלעך אלע געטראכט אין זייערע הערצער אז זיי וועלן קיינמאל נישט דארפן די זאכן וואס זיי האבן מיטגעברענגט, עס איז סתם געווען א ערמה.

די מיידלעך זענען געשטאנען שטילערהייט לעבן דעם באן, נישט וויסן צו וואו מען וועט זיי שיקן. די מיידלעך האבן געווארט צו הערן וואו די דייטשע רשעים וועלן זיי אוועקשיקן.

עס איז אנגעקומען א באן וואס די מיידלעך האבן שנעל געדארפט ארויפגיין. זיי זענען נעבעך אזוי שטארק ענג אריינגעפאקט געווארן אין דעם באן אז זיי האבן קוים געקענט אטעמען. פאר אפאר טעג איז די באן געפארן, און די מיידלעך אינעווייניג האבן געליטן יסורים. אט אט זענען זיי אנגעקומען צו א קליין שטעטל, וואס האט געהאט אין זיך א קלייד פאבריק וואו מען האט גענייט קליידער פאר די מלחמה.

דער הויפט אפיצער פון דעם פאבריק האט ספעציעל געזוכט מיידלעך וואס קענען נייען. זיי האבן געעפענט די טירן פונעם באן און די מיידלעך זענען אראפגעקומען. הערשט דעמאלט האבן די מיידלעך געקענט אטעמען אביסל גרינגער, סיי ווייל די דייטשע האבן געעפענט די טירן פונעם באן, און סיי ווייל זיי האבן געהערט אז כאטש פאר דערווייל זענען זיי געשיקט געווארן צו אן ארבעטסלאגער וואו זיי וועלן האבן א "טשענס" צו דורכלעבן דער מלחמה.

עס איז געווען אין דייטשער סאלדאט וואס האט געהאט אחריות אויף די מיידלעך. ער האט געשריגן אויף די מיידלעך ממש אזוי ווי זיי וואלטן געווען א באנדע פון הינט. ער האט זיי מודיע געווען אז נאר דורך די "חסד" פון די דייטשע רעגירונג האט מען ערלעדיגט אז די מיידלעך זאל קענען ארבעטן (אנשטאט זיי זאלן גלייך אוועקגעשיקט ווערן צום טויט.) ער האט געזאגט אז זיי וועלן דארפן ארבעטן אסאך שעות א טאג און פאר זיבן טעג א וואך. די מיידלעך האבן זיך געפרייט אויף דעם געלעגנהייט צו ארבעטן און צו בלייבן לעבן.

איין מיידל איז אבער נישט געווען אזוי צופרידן מיט די "גוטע בשורה" וואס דער אפיצער האט יעצט איבערגעגעבן. דאס מיידל האט זיך דערנענטערט צום אפיצער אים צו פרעגן א שאלה. "ווילסטו דען נישט נעמען דעם געלעגנהייט צו בלייבן לעבן?" האט די דייטשע געפרעגט איר מיט א שנאה אין זיין שטימע. דאס מיידל האט געזאגט מיט א מוראדיגען שטאלצקייט אז אויב זי מוז ארבעטן זיבן טעג א וואך, וועט זי נישט קענען אננעמען דעם ארבעט. די אלע אנדערע מיידלעך האבן צוגעקוקט מיט מורא צו זעהן וואס עס וועט פאסירן. נישט נאר דאס אז יענע מיידל האט אויפגעגעבן איר געלעגנהייט צו לעבן, האבן די אנדערע מיידלעך געטראכט אז יענע מיידל האט אויך געלייגט אלע אנדערע מיידלעך אין א גרויסע סכנה. דער דייטשער אפיצער האט נאכאמאל געפרעגט אויב דאס מיידל וועט טון וואס ער האט געהייסן, ד"ה אפילו ארבעטן אין שבת קודש. און נאכאמאל האט זי געזאגט צום דייטשען אפיצער אז זי וועט שווער ארבעטן, אבער נאר פאר זעקס טעג א וואך. צו ארבעטן אין דער הייליגע שבת איז פאר איר אוממעגליך געווען. זיי האבן אלע געווארט צו זען וואס דער רשע וועט טון צו איר און נאכדעם צו זיי. צי ער וועט דעם מיידל הרגענען אויפן ארט ח"ו? ער האט געעפענט זיינע אויגן און געשריגן אז יעדע זאל שטיל זיין.

"פון יעצט אן און ווייטער" האט דער רשע געשריגן, "וועט איר אלע דארפן ארבעטן פאר זיבן טעג א וואך. אבער, פאר איינע פון אייך מיידלעך גיי איך מאכן אן אויסנאם, און זי וועט נישט דארפן ארבעטן זיבן טעג א וואך." "דאס מיידל," האט דער סאלדאט געזאגט בשעת ער האט געוויזן אויף יענעם מיידל, "וועט ארבעטן פאר נאר זעקס טעג, ווייל נאר זי גלייבט שטארק אין אירע רעליגיע, און זי איז גרייט צו שטארבן פאר דעם."

מיט די ווערטער האט ער זיך אויסגעדרייט און שנעל אוועקגעשיקט דעם מיידל. די אנדערע מיידלעך און די איבריגע סאלדאטן דארט זענען אלע געווארן איבערראשט. דער הויפט דייטשע סאלדאט האט לכאורה שוין געהרג'עט טויזנטער אידן אין זיין לעבן. ער האט אזוי שטארק פיינט געהאט אידן. און יעצט האט ער נישט נאר געראטעוועט דעם מיידל'ס לעבן, נאר, דורך אים וועט זי קענען אויך האבן א געוואלדיגע זכות נישט צו ארבעטן אין שבת.

דאס וועט נישט זיין די איינציגע שכר וואס דאס מיידל וועט באקומען אין איר לעבן. זי האט ב"ה איבערגעלעבט די מלחמה און זי האט זוכה געווען צו חתונה האבן מיט א בחור וואס איז געווארן איינע פון די גרעסטע גדולים, ר' אהרן לייב שטיינמאן שליט"א.

עס איז פאראנען אין די פרשה ענינים וואס זענען שווער פאר אונז צו פארשטיין, למשל די וועג ווי אזוי דער כהן האט מטהר געווען דעם מצורע מיט די "שני תולעת ואזב" וכו'. אבער, אפילו מיר פארשטיין נישט ווי אזוי די פעולות קענען מטהר זיין א מענטש, דארפן מיר גלייבן באמונה שלימה אז אלעס איז 100% אמת. עס קומט אויס פון דא א געוואלדיגע מוסר השכל וואס איז שייך אין אונזערע טאג טעגליכע לעבן. ד"ה, מען דארף כסדר ארבעטן אויף אמונה און בטחון אין דעם באשעפער, ווייל דארט הייבט זיך אן דעם זיין א איד.

מען זעט דעם ענין אין דעם מעשה וואס מען האט דערציילט. דער מעשה ווייזט אויף דעם בחינה פון אמונה פשוטה. ווייל אפילו דאס מיידל וואלט געקענט מורא האבן פון די דייטשע, האט זי נאכאלץ זיך שטאלצירט קעגען די רשעים, און זי האט געהיטן שבת. לאמיר אלע נתחזק ווערן אין שמירת המצוות. ווייל "נאמן הוא בעל מלאכתך שישלם לך שכר פעולתך" (אבות ב,יד) ווייל דער באשעפער וועט אונז צוריקבאצאלן. **גוט שבת אלע אידן.**

נתרם לרפו"ש של מרדכי מנחם מענדל בן ציפורה יוטא, שאשא מלכה בת גאלדא, יהודה בן אסתר, משה דוד בן מרים בתשח"י
לע"נ אברהם בן ליפא ע"ה • לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)
**כל המענג את השבת נותנין לו משאלות לבו (שבת קיח:) - נא לעיין דף זה לאחר התפילה**